LIVING TORAH

# פרשת נצבים-וילך

**בס"ד. משיחת ו' תשרי תשמ"א.**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

וואס דאס איז די קריאת התורה ביום ראשון של ר"ה און ביום שני של ר"ה, וואס ס'איז דאך אויך כיומא אריכתא דמיא, דאס איז אלץ א חלק פון דעם זעלבן ראש.

זאגט מען אז די קריאה איז פארבונדן מיט שרה און רחל און חנה, און די גמ' איז אין דערויף אויך מסביר אז בר"ה איז נפקדו שרה רחל און חנה.

וואס דאס איז דאך א חלק פון תורה שבע"פ אז בר"ה נפקדו שרה רחל וחנה, און דערפון איז פארשטאנדיק אז ס'איז דא אין דערויף א הוראה אויף הנהגת כל השנה כולה,

און פון וואנעט נעמט מען די הוראה – איז דאס געגעבן געווארן אין תורה אור, וואס זי אליין באלייכט אירע הוראות אז מ'זאל וויסן וואס מ'מיינט דערפון.

וואס וואס האט מען די הוראה פון שרה און פון קריאת התורה וועגן שרה (וואס דאס איז שוין ביום ראשון של ר"ה)?

איז גלייך דער ערשטער פסוק, גלייך די התחלת הקריאה איז: "וה' פקד את שרה". אז ביי שרה האט דער אויבערשטער איר צוגעזאגט און ממלא געווען – "כאשר דיבר" – אז ביי איר איז געבארן געווארן א זון. וואס דער זון איז דאס יצחק, ווי ער איז דערנאך מבאר בארוכה.

און דערנאך אויך ממשיך אין קריאת התורה פון יום השני, ווי אזוי די מעלה פון יצחק'ן לאחרי וואס ער האט באקומען דער חינוך פון אברהם'ן ושרה.

אז שרה האט זיך גלייך אפגעגעבן מיט דעם חינוך נאך מערער וויפיל אברהם האט געטאן אין דעם, וואס דאס איז דאך אזוי ע"פ תורה אז די ערשטע יארן פון א קינד, און דער המשך, זאגט תורה אז ס'איז דא דער זמן וואס ער איז זקוק לאמו.

ובפרט נאך אז ביי אברהם איז מצד רוב החסד איז ביי אים געווען די בקשה "לו ישמעאל יחי' לפניך", און שרה האט גלייך באווארנט אז ס'זאל זיין דער ענין אז "לא יירש" צוזאמען "עם בני עם יצחק" דערפאר וואס דאס איז "ביצחק יקרא לך זרע".

וואס דאס איז גלייך מדגיש בר"ה די ביידע ענינים: וה' פקד את שרה דערפאר וואס שרה האט געבעטן און האט געטענה'ט מיט די גאנצע שטארקייט ביז צו די ווערטער וואס זי האט געזאגט צו אברהם'ן "עליך" פארוואס ער האט גלייך ניט מתפלל געווען.

זי איז דאך געווען א אשה כשרה "עושה רצון בעלה" איז ווי קומט דא צו זאגן צו אברהם אזא מין סארט נוסח –

איז בשעת ס'רעדט זיך וועגן האבן א אידישן קינד און מחנך זיין עם ווי אידישע קינד, איז אט דעמאלט שטעלט מען זיך ניט אפ, און בכל דרכים וואס זיי זיינען דרכי תורה, וואס זיינען טאקע "דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום" – טוט מען אבער אין זיי גופא מיט א תוקף ע"פ תורה, און אט דעמאלט פירט מען



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת נצבים-וילך

אויס אז "ביצחק יקרא לך זרע".

און ווי מ'לייענט דאס גלייך אין די קריאה פון יום השני, אז וילכו שניהם יחדיו, ווי רש"י טייטשט אפ אז ס'איז געווען "יחדיו" די מס"נ בייביידער פונקט בשוה.

וואס דאס איז דאך פארבונדן מיט "חנוך לנער" וואס דעמאלט "גם כי יזקין לא יסור ממנה" – פארבונדן מיט דער חינוך וואס בתחילת השנים הייבט דאס אפ אן די אשה – אן די מוטער כמבואר בהלכה, ביז ווי מ'זעט דאס אויך מעשה רב אין חיי יום יום.

עד"ז געפינט מען אויכעט ביי רחל, וואס "בר"ה נפקדה רחל" ווי דערציילט אין תושב"כ און נאך מערער אין תושבע"פ די מס"נ וואס זי האט אריינגעלייגט כדי אויף צו האבן א זון – א קינד, און דערנאך איז געווען "וה' פתח את רחמה" מיט די אריכות הסיפור אין תושב"כ בפרט ע"פ מדרשי חז"ל.

עד"ז אויך ביי חנה.

וואס דאס איז כאמור די צד השוה פון די אלע דריי שנפקדו בר"ה, וכאמור – דאס איז א תחלת השנה, און דער "זכרון" און דער מתבונן זיין זיך אין די הנהגה פון די דריי, פירט אן דערנאך מיט דער הנהגה פון כל השנה כולה.

ובפשטות מיינט דאס: בנוגע צו א מוטער און צו א מחנכת און מדריכה, אז אע"פ וואס בנוגע צו א קינד איז דאך דא ביידע ענינים:

ער דארף האבן די אכילה שתי' ושינה מיט די אלע ענינים ביז אפי' דער ענין של שעשועים, כדי ער זאל זיין געזינטער און זאל זיך קענען גרייטן דאס וואס ער דארף זיין ממלא זיין שליחות הקב"ה בעולמו ווען ער וועט אויסוואקסן,

ביחד ע"ז איז אבער אויך דא די שליחות אין דעם חינוך ווי אזוי צו מחנך זיין א קינד אין ענינים של שמים, וכמדובר כמ"פ אז גלייך ווי א קינד ווערט געבארן איז "מנהג ישראל תורה הוא" אז די ערשטע זאך וואס מ'איז זיך משתדל אז ער זאל זען שמות קדושים ארום זיך, ווי ס'איז געווען אמאל דער מנהג אז מ'פלעגט אנקלעפן אין דעם חדר היולדת ענינים של קמיעות וכיו"ב, ביז אפי' אז מ'פלעגט איינוויגן א קינד ער זאל אנטשלאפן ווערן, האט מען אים איינגעוויגט מיט די ווערטער – לא ידע קריי', ער פארשטייט נאך ניט – האט א מוטער געוואוסט ווי אזוי דארף זי איינשלעפערן א קינד, דורך דערויף וואס זי וועט אים דערציילן ווען ער איז נאך אלט א יאר אנדער האלבן יאר, און זאגן דאס אים מיט א שירה וזמרה אז ס'איז ניטא קיין בעסערע סחורה ווי תורה,

– ס'איז טאקע דא ראזשינקעס און ס'איז דא מאנדלען, דאס קומט אבער ניט. די אמת'ע סחורה און די בעסטע סחורה - דאס איז תורה. –

און דורך דערויף וואס א קינד הערט דאס, ווי מ'זאגט בנוגע צו ריב"ח אז "החזירה עריסתו" אין די בתי מדרשות, איז דערנאך געווארן "אשרי יולדתו" – דורך דערויף איז ער דערנאך אויסגעוואקסן אלס ריב"ח, און מ'זאגט אז דאס איז זיינער א שבח – זיינער א שבח.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.